ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# תפארת יצחק

**ציצית תפילין ומזוזות**

**לשון הקודש ואידיש**

**601**

**הוצאת אמונה**
**ברוקלין נוא יארק,**
**שנת תשנ"ט לפ"ק**

בעזהשי"ת

ספר

# תפארת יצחק

**התעוררות וחיזוק, למצות**
**ציצית, תפילין, ומזוזות**

# צדקת יצחק

## על הלכות צדקה

**דיניו ומנהגיו**


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

ר"ב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'"
**„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"**


בעהמח"ס: **אפייח המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"כ); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזח שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי'** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס**.


ברוקלין נוא יורק • שנת תשמ"ז לפ"ק

— ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל —

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

**אזהרה**

**אדם אוסר בדבר שלו, בבן אל ירים איש את ידו להשיג גבולי או גבול באי כחי ולהדפיס ספר הזה או חלק ממנו בלי רשותי והסכמתי, ולהשומע תבא ברכת טוב ושכרו בזה ובבא.**

הרוצה להשיג הספר הזה יפנה אל המוציא לאור:

Editor:
**Rabbi S. Y. Gross**
4711 - 12th Ave. Apt. A-5
Brooklyn, N. Y. 11219
Tel.: (212) 436-8086

© Copyright MCMXXCI
By Mosad Brochas Tova
P.O.Box 331 BLYTHBOURNE STATION
Brooklyn, N.Y. 11219

**כל הזכויות שמורות**

*Printed in the United States of America*

# ספר
# תפארת יצחק

## התעוררות וחיזוק, למצות ציצית, תפילין, ומזוזות

מיט הונדערט יאהר צוריק האט געוואוינט אין א קליין שטעטעל אין רוסלאנד, א יוד א סוחר, זהער א עהרליכער מאן, וועלכער האט זיך מפרנס געווען בכבוד. איין מאל האט דער סוחר גערארפט פאהרען אויף א ירידי. פארצייטען זענען קיין באהנען נאך נישט געווען, קיין פאפיר־געלד אויך נישט, נאר בלויז זילבערנע רובלס. האט דער סוחר זיך געמאכט א גארטעל און אין דעם גארטעל האט ער געהאט ליגען דאס געלד, א סומע פון זעקס־הונדערט רובל. עס איז אבער דאן געווען א שלעכטע וועטער און אנשטאט צו פאהרען צווי מעת־לעת, האט גערויערט ביים סוחר די נסיעה פיהר מעת לעת, און דעריבער ווען מען איז געקומען צו א קרעטשמע און דער סוחר האט זיך געפיהלט זעהר מיהר, האט ער זיך געלעגט באלר שלאפען. דאס זילבער געלט האט איהם אבער געקוועטשט, און ער האט נישט געקענט שלאפען. האט ער זיך געגעבען אן עצה: ער האט אויסגעטוהן דעם גארטעל מיט געלד, אנידער־געלייגט איהם אויפ׳ן טיש, און דערביי צוגעלייגט א פאפיר אויף וועלכען ער האט מיט גרויסע אותיות אויף געשריבען: "לא תגנוב", און געגאנגען צוריק שלאפען, און ער איז טאקע געשמאק געשלאפען.

דערווייל איז אנגעקומען א צווייטער סוחר און דערזעהן אזא בינטעל געלט מיט דאס קוויטעל "לא תגנוב", האט ער ארויסגענומען העלפט געלט און אויף געשריבען א קוויטעל: "וחי

אחיך עמך" און איז אוועקגעפאהרען. דערווייל איז אנגעקומען נאך א סוחר, באמערקט אויפ'ן טיש דאס געלט מיט די צוויי קוויטלעך, האט ער צוגענומען די רעשטע געלט, איבערגעלאזט א קוויטעל: "לא תותירו ממנו עד בוקר" און איז אוועק.

מיינע פריינד! דער גלות איז געגליכען צו די נאכט, ווי דער נביא זאגט: "שומר מה מליל", און אין דעם פינסטערן גלות שלאפען מיר און דערביי גנב'הט מען ביי אונז אויך דעם "לא תגנוב", מען מאכט פון גאנצען יודישקייט א תל עולם, — בפרט אין דעם פרייען לאנד אמעריקא, וואס דא וואלט יעדער געקענט זיין א יוד ווי עס געהער צו זיין, ווייל עס איז גרינגער דאס לעבען און דער שעבוד האט דאך נישט אויף זיך דעם עול הגלות, און יעדער יוד האט ב"ה זיין פרנסה, — און דוקא דא הערשט כל התועבות מען פארגעסט גאר אין ג-ט און מען גלויבט נישט אין שכר ועונש מען פארגעסט אין די טייערסטע מצות וואס אידען האבען זיך טויזנטער יאהרען מוסר נפש געווען דערויף.

ביי אונז אין דער תורה שטעהט א דין פון ציצית, וואס דאס איז כולל אלע תרי"ג מצוות, די מצוה פון ציצית איז גורם אז דער יוד זאל מקיים זיין אלע מצוות פון דער תורה, אזוי ווי עס שטעהט: "וראיתם אותו, — וזכרתם את כל מצוות ה' ועשיתם אותם", ד.ה. ווען איהר וועט דערזעהן די ציצית וועט איהר זיך דערמאנען אלע מצוות פון ג-ט און איהר וועט זיי מקיים זיין.

עס איז באקאנט די גמרא (מנחות מ"ג), אז דער וואס איז מקיים מצות ציצית איז זוכה צי זעהן פני השכינה... ציצית היילט פון אלע קראנקהייטען (ר"ל) ... ציצית איז א סגולה צו זיין פארהוילען פון די מלאכי חבלה אין מזיקין (ר"ל) אויך איז די מצוה פון ציצית זעהר מסוגל אבצוהיטען דעם מענטשען פון עבירות, און אן א שיעור סגולות איז געזאגט געווארן ביי די טייערע מצוה פון ציצית דען יעדע מצוה איז מסוגל צו היטען פון

א עבירה. אזוי ווי למשל, דער וואס היט זיך אב פון שעטנז ווערט ער אבגעהיט פון עובר זיין אויף דיא עבירות פון גזילה, רציחה א.ד.ג.

די פרוי' וועלכע גיבט אכטונג אז איהר מאן און איהרע זיהן זאלען טראגען כשר'ע ציצית, וועט זי האבען א גרויסען שכר, אזוי ווי די גמרא זאגט (בבא בתרא): א דימענטענע קעסטעלע איז אנגעגרייט פאר די פרוי פון ר' חנינא בן דוסא אין וועלכעס זי וועט לעתיד לבוא האלטען תכלת פאר די צדיקים, ווייל זי האט ביי איהר לעבען עוסק געוועזען אין דער מצוה. אויך זאגט די גמרא (מס' ברכות, דף מז): דער וואס טראגט נישט קיין ציצית איז אן עם הארץ.

זאלען מיר נעהמען איבערצעהלען פון די פינף און א האלב מיליאן יודען וואס געפינען זיך אין אמעריקא. וויפיל פון זיי טראגען ציצית? און אז אפשר איין פראצענט טראגט ציצית, וויפיל פון זיי זענען כשר? היינט אז מיר זעהען דעם שכר פון די אויבען דערמאהנטע צדיקים וואס זיי האבען געהאט פון די ציצית, קענען מיר זיך גרינג פארשטעלען דעם עונש וואס מיר וועלען ליידען, ווייל מיר זענען מבזה אזא טייערע מצוה ווי ציצית. די אוה"ע להבדיל טראגען א צלם אויף דעם הארץ — און מיר יודען, וואס מיר ווייסען די גרויסקייט פון מצות ציצית, מיר זענען דערינען פארנאכלעסיגט. מיר קענען נישט חושד זיין עלטערע מענטשען דאס זיי זאלען נישט טראגען קיין ציצית, מיר טרויערן נאר אויף דעם נייעם דור, די "חכמים" וואס קייען טשוא־גג־גאם אין אמעריקא, זיי זינקען נעבעך אין שאול תחתית מיט זייער חכמה, זיי לייקענען אין אלעס וואס איז ערהאבען און הייליג. ה' הטוב יכפר.

אבער זאלען מיר עטוואס טיפער קוקען און רעדען א ביסעלע ערנסטער צו אונזערע הייליגע יודען בני אברהם יצחק ויעקב בכלל, און אמעריקאנער יודען בפרט: וואס הערט זיך מכח

א מזוזה? זאגט מיר נאר, וואו געפינט זיך ערגעץ אין אמעריקא א כשר'ע מזוזה?.

אז איך וועל פרעגען די "חכמים", וועלען זיי מיר ענטפערן: מיר האבען נישט מורא פאר קיין שדים. מיין פאטער — וועט ער זאגען — האט געוואוינט אין א דארף נעבען איישישאק, און אז ער האט זיך אריבערגעצויגען אין א פרישע דירה וואו עס איז נישט געווען קיין מזוזה, איז ער צוליעב דעם געפאהרען זעקס מייל אין שטאדט אריין צו בעקומען א מזוזה ווייל אהן דעם האט ער מורא געהאט צו שלאפן איך, אבער, שלאף שוין אין אמעריקא צעהן יאהר אהן א מזוזה און האב גאר נישט קיין מורא; נאך שעהנער: איך ליין נישט קיין קריאת שמע — און האב פון דעסטוועגען קיין מורא נישט...

אוי, חכם פון מה נשתנה! מיר וועלען פאר זיי ענטפערען: איך וועל מיט דיר נישט רעדען וועגען שדים, ווייל דו אליין ביסט דער גרעסטער שד; איך וועל דיך נאר פרעגען: ווען דו וואלסט זיך געטרונקען אין וואסער און איינער וואלט דיך געראטעוועט, וואלסטו איהם געדאנקט? און אז דו קומסט אהיים פון גאס, וואו דרייסיג אויטאמאבילען מיט פונפצעהן טראמוויי־ען האבען געקענט דיך צעשמעטערן, און השי"ת האט דיך מציל געווען, ברויכסטו איהם נישט דאנקען דערמיט וואס דו וועסט געבען א קוש די מזוזה? און ווען דו געהסט אין גאס, ווייסטו וואס פאר א צרות רח"ל עס קען דיך בעגעגענען? בעדארפסטו נישט צולעגען דיין האנד צו די מזוזה און זאגען: ה' ישמר צאתי ובאי מעתה ועד עולם?.

קוק ברודערשו צו אונזערע גרויסע לייט און נעהם דיר א מוסר: די גמרא זאגט (מס' ע"ז דף יא) ווען אונקולס הגר האט אנגענומען די יודישע אמונה, האט זיין רייכע קייזערליכע מוטער אנגעווענדט אלע מיטלען איהם צוריקצוציהען צו איהר גלויבען. זי האט געשיקט צו איהם איניגע וויכטיגע מענטשען מען זאל איהם איבעררעדען, און אויב ער וועט ניש חרטה האבען זאל מען

איהם ארעסטירען. ווי זיי האבען זיך מיט איהם פאגאנדער גערעדט, האט ער מיט זיין חכמה זיי צוגעצויגען צו זיך און זיי זענען צוגעשטאנען צו זיין מיינונג. און אזוי איז געוועזען ביי די צווייטע פארסטיע וואס זי האט צו עם געשיקט און אזוי ביי די דריטע.

אז זי האט געזעהן דאס מיט וויכוחים וועט זי מיט איהם נישט פערטיג ווערען און איהם נישט מנצח זיין, האט זי בעטראכט איין אנדערן פלאן ווי אזוי איהם צו לאזען ארעסטירען. זי האט געשיקט צו איהם אנשי חיל מיט א שר וועלכע זי האט אנגעזאגט אז זיי זאלען מיט אונקלוס'ן גארנישט רעדען נאר גלייך איהם ארעסטירען. דער שר האט אזוי געטהון און גלייך ביי זייער אנקומען איהם גלייך ארעסטירט און גענומען איהם ארויספיהרען פון שטוב. ווי אונקלוס איז צוגעקומען צו דער מזוזה, האט ער ארויף געלייגט אויף איהר די האנד און געזאגט ה' ישמר צאתי ובואי מעתה ועד עולם (ווייל דאן איז ער שוין געוועזען א אמת'ר יוד). ווען דער שר האט דאס דערזעהן. האט ער זיך זעהר געוואונדערט און געפרעגט ביי אונקלוס: וואס בעדייטעט דאס? האט אונקלוס איהם געענטפערט: זעץ זיך אנידער וועל איך דיר ערקלערען. דער שר האט גענצליך פארגעסען דעם אנזאג פון די קייזערליכע מוטער און האט זיך אנידערגעזעצט אויסהערן די ערקלערונגען פון אונקלוס הגר.

מיינע טייערע ליינער, בעפאר איך וועל אייך איבערגעבען די ערקלערונגען פון אונקלוס הגר, וועל איך דא ברענגען איין אנדערע מעשה וועלכע אונזערע הייליגע חכמים ערצעהלען אונז.

דעם הייליגען תנא ר' ישמעאל'ס מוטער, איז געקומען צו די חכמים און זיי געבעטען אז זיי זאלען אויסמוסר'ן איהר זוהן ר' ישמעאל פאר וואס ער פאלגט נישט זיין מוטער. די חכמים האבען גארנישט געקאנט פארשטיין, ווי אזוי קען דאס מעגליך זיין דאס דער הייליגער תנא ר' ישמעאל זאל נישט מקיים זיין

כיבוד אם? האבען זיי אומגעדולדיג ערווארטעט ר׳ ישמעאל׳ס קומען אין בית המדרש. אז ר׳ ישמעאל איז געקומען, האבען זיי ביי איהם געפרעגט די אורזאכע וואס די מוטער האט זיך אויף אים בעקלאגט.

האט ר׳ ישמעאל זיי געענטפערט: געגען מיין ווילען מוז איך אייך, רבותי דערצעהלען: מיין מוטער האט מיך זעהר ליב, זי בעדינט מיך, זי דערלאנגט מיר אלץ וואס איך ברויך ווען איך קום אהיים פון בית המדרש. עס איז מיר אפילו זעהר נישט אנגענעהם דאס מיין מוטער זאל מיך בעדינען, אין געגען טייל: איך וואלט געדארפט איהר בעדינען. נאר ווייל איך האב באמערקט דאס זי האט צער ווען איך לאז איהר נישט מיך בעדינען, און דאס איז איהר פארגעניגען, בין איך מבטל מיין רצון וועגען איהר רצון. נאר, יעצט נישט לאנג, האט זי בעטראכט א נייעס: עס איז איהר ווייניג אלץ וואס זי באדינט מיך בדרך כבוד, איז איהר יעצט איינגעפאלען מיר צו וואשען די פיס און טרינקען דאס וואסער. נו, דאס איז שוין ביי מיר געבליבען בשום אופן נישט צוצולאזען: סטייטש, מיין אלטע מוטער זאל מיר וואשען די פיס און טרינקען דאס וואסער?! דאס, רבותי, דאס איז וואס איך פאלג איהר נישט... — אה אה האבען די חכמים געזאגט ווי ווייט אהבה מקלקלת את השורה! ליעבשאפט האט אזא קראפט, דאס זי פיהרט ארויס פון גלייכען וועג. פון גרויס ליבשאפט קומט דאס ביי איהר אויס פיר א כבוד!.

די חכמים האבען גענומען קלערען ווי זאל ער זיך דא נוהג זיין באמת, אויב ער זאל זיך לאזען וואשען די פיס אדער נישט. איז געבליבען ביי די חכמים דאס ער מוז דאס פארליידען און זיך לאזען, וויבאלד דאס איז פאר איהר א נחת רוח און פארקעהרט האט זי דערפון עגמת הנפש אזוי ווייט דאס זי איז געקומען זיך באקלאגען אויף איהם דאס ער איז נישט מקיים ביי איהר כיבוד אם.

מיט דעם געדאנק דאס אמת'ע אהבה מקלקלת השורה, וועלען מיר זיך אומקעהערן אויסהערען די ערקלעהרונגען פון אונקלוס הגר וועגען מזוזה.

— דו האסט געזעהן, ליבער הערר, — האט אונקלוס געזאגט צום שר — ווי אזוי עס געהט צו אין קעניגליכען הויף. דער קעניג זיצט ביי זיך אין זאל, און זיינע דינער, די גרעסטע הערען, זענען ביי איהם די היטערס ביים טהיר. דער גרויסער וועלט־קעניג אבער, זיין ליעבשאפט צו זיינע דיענער איז גאר מקלקלת השורה: זיי זיצען אין זייערע זאלען און זיין הערב, דאס איז די מזוזה, איז ביי זיי דער היטער ביים טהיר, ווי געזאגט: והנה ה' נצב עליו וגו' ושמרתיך בכל אשר תלך וגו' ה' ישמר צאתך ובואך נו, האב איך דען נישט אויסגעקליבען דעם גוטען ג־ט?.

דער שר איז שטארק פערוואונדערט געווארן פון זיין קלוגע ערקלערונג, ער האט גוט פארשטאנען אז אונקלוס איז גערעכט ער האט שוין קיין מוטה נישט געהאט צו טהון אונקלוס'ן עטוואס שלעכטס, און אונקלוס איז טאקע ניצול געווארען פון אלעס בייזען, און זיין נאמען איז ביי יודען פאראייביגט געווארן דורך זיין "תרגום אונקלוס" אויף תורה.

מיר וועלן ברענגען א היסטאריע וועלכע דער תלמוד ירושלמי (מס' פאה פרק א') דערציילט: א רייכער מאן מיט דעם נאמען ארטבון, האט געשיקט צו רבינו הקדוש (וועלכער האט צוזאמען געשטעלט דעם משניות) א טייערן בריליאנט אלס מתנה און האט פארלאנגט אז רבינו הקדוש זאל איהם אבשיקען א מתנה וועלכע זאל זיין גלייך צו זיינע. רבינו הקדוש האט איהם אבגעשיקט א מזוזה. פרעגט ביי איהם ארטבון: איך האב אייך געשיקט א אונשאצבארען בריליאנט און איהר שיקט מיר אב א מתנה וואס איז ווערט א האלבען שקל?.

האט רבינו הקדוש איהם געענטפערט: מיין פערמעגען (רבינו הקדוש איז געווען א גרויסער גביר) און אייער פארמעגען, זענען נישט אים שטאנד אבצוצאהלען די ווערט פון א מזוזה (כל חפציך לא ישוו בה); און ווידער שטעהט די מזוזה העכער פאר אלע רייכקייט אין דעם פרט: אונזער רייכטום מוזען מיר אבהיטען, אבער די מזוזה (ד.ה. דער שם "שדי" וועלכער איז דא אויף די מזוזה און איז די ראשי־תיבות פון ש׳ומר ד׳לתות י׳שראל) היט אונז (בשכבך תשמר עליך וגו׳).

ארטבון איז אבער געווען, ווי עס ווייזט אויס, פון די היינטיגע "חכמים" וועלכע באגעהען זיך אהן מזוזות, ער איז נישט צופרידען געווען מיט די אנטווארט פון רבינו הקדוש, און רבינו הקדוש האט גערעכענט איהם אבצושיקען זיין בריליאנט.

ארטבון האט געהאט נאר איין איינציגע טאכטער (שאלתות דר"א פ׳ עקב), זי איז געווען ביי איהם די אויג אין קאפ, ווי געוועהנליך ביי א רייכען מאן וואס האט נאר איין קינד. די בת יחידה איז לא עלינו קראנק געווארען, מען האט אראבגעבראכט די גרעסטע דאקטוירים פראפעסארען, קיינער אבער האט נישט געוואוסט פאר איהר קיין רפואה, און זיי האבען איהר אבגעזאגט דאס לעבען. איין מאל זיצט זיך ארטבון איינזאם ביים קראנקען בעט פון זיין איינציגע טאכטער ווועמעס לעבען עס האלט ביים אויסגעלאשען ווערען: — "אה! וואס פיר א פאלשער חלום ס׳איז די וועלט מיט איהרע גליקען!" רעדט ער צו זיך אליין, "ווי דער מענטש איז נישט זיכער מיט זיינע גליקען און פארגעניגען אפילו אויף איין טאג! דוכט זיך מיר מיט א קורצע צייט צוריק האב איך גערעכענט דאס די וועלט איז מיינע. איך האב געלעבט אין אזא רייכקייט, — און פלוצלונג איז מיין וועלט מיר פינסטער געווארען און מיין ליכט געהט אויס פאר מיינע אויגען. וואס טויג מיר מיין רייכקייט ווען מיין הארצענס פרייד ווערט ארויסגעריסן מיט געוואלד פון מיינע ארעמס און

מיין הימעל לאזט זיך ארונטער, אה, יעצט שפיר איך ווי ריכטיג עס זענען די קלוגע רייד וואס מיין גוטער פריינד רבי יהודה הנשיא האט מיר ערקלערט, דאס די מזוזה עראינערט דעם מענטשען דאס אלע תענוגי הזמן זענען כלים ונפסדים, און נאר דער פארגעניגען פון וויסענשאפט און געטליכקייט עקזיסטירט אויף אייביג, קיינער איז נישט אים שטאנד דאס אוועקצורויבען פון מענטשען און אלע אונגליקען פון דער צייט קענען דעם פארגעניגען נישט שטערען; אים געגענטייל: וואס ווייניגער עס ווערען די תענוגי הזמן, פארגרעסערט זיך אלץ דער תענוג הרוחני* אבער אז איך בין זעהר ווייט פון תענוג רוחני, איז גאר נישטא קיין באלזאם צו היילען מיינע וואונדען. אז איך בין אזוי ווייט פון דיר ג־ט איך דערמאהן דיך קיין מאל נישט מיט וואס פיר איין העזה קאן איך צופאלען צו דיר ג־ט אויסבעטען מיין ליעב קינד, מיין ליכט פון מיינע אויגען. אה! פינסטער איז מיין וועלט!״ — .

ביי די ווערטער האט א שטראם טרעהערן ארויסגעפליסט פון זיינע אויגען און ער איז כמעט אין אהנמאכט געפאלען, קוקענדיג ווי זיין טאכטער צאפעלט און עס דרעהט איהר און זי ארבייט מיט דער גסיסה ר״ל.

— ״איך מוז בעקענען מיין אירטהום״ — זאגט ער צו זיך — ״ג־ט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! ער האט

---

*) ווי מען דערצעהלט אויף א קלוגע געלערנטע פרוי במדינת ספרד, ביי וועלכע מען האט גע׳שחט׳ן איהרע צוויי קינדער פאר איהרע אויגען, האט זי מצדיק הדין געוועזען און געזאגט.

״גוטער ג־ט! ביז יעצט האב איך דיך געליעבט נאר מיט א האלבע הארץ ווייל די צווייטע העלפט הארץ איז געוועזען פארנומען מיט ליעבע צו מיינע קינדער: אבער יעצט איז שוין מיין הארץ לעדיג געווארען פון ליעבע צו מיינע קינדער, וועט זי פול ווערען מיט ליעבע צו דיר ליעבער ג־ט דאן וועל איך מקיים זיין ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך.

געשריבען אין דער תורה והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי וגו׳ לאהבה את ה׳ אלקיכם וגו׳ וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך למען ירבו ימיכם וימי בניכם וגו׳ (אויב איהר וועט היטען מיינע געבאט: ליעב האבען ג־ט מיט לייב און לעבען, און איהר וועט די פרשיות שרייבען [און קובע זיין] אויף דיביישטידלעך פון אייערע הייזער** דאן וועט איהר מיט אייערע קינדער לאנג לעבען אויף די וועלט), פארשטעהט מען דערפון דעם היפך: אויב איהר וועט דאס נישט היטען וועלען אייערע קינדער נישט לעבען לאנג ח״ו*** און איך בין גאר אנטלאפען פון די אנגענעהמע וועגען פון דער תורה און האב קיין מזוזה נישט קובע געווען ביי מיר אין שטוב, אין דער צייט ווען אלע ערליי שפיעל צאצקעס און אנדערע דומהייטען האב איך יא געזעהן אריין צוברענגען ביי מיר, אויסצופוצען מיט דעם די צימערן, און אזא פיין ציערונג ווי א מזוזה האב איך געווארפען אין א זייט און האב גארנישט געוואלט קוקען אויף דעם. אוי, ווי דום מיר רייכע לייט זענען. ווי קליינע קינדער וואס שפילען זיך מיט שטומע ליאלקעס און דעם ווערט פון א בריליאנט פארשטעהען זיי נישט. אט האב איך מיין פסק, אז מיין טייערע בלום ווערט אויסגעריסען אין איהרע רעכטע בליהענדע יאהרען. אה, פינסטער איז מיר איך זעלבסט, בין דער מערדער פון מיין קינד.

ליעבער ג־ט! איך האב חרטה אויף מיין ביז יעצטיגען פיהרונג און וועל פון יעצט אן זיך פיהרען אין אמת׳ן יודישען וועג״.

---

** [דאס זאל אייך עראינערן אז אייער הויז איז הייליג און איהר ברויכט זיך פיהרען אין ג־ט׳ס וועג].

***שדברי תורה נדרשין מכלל לאו הן ומכלל הן לאו.

ביי די ווערטער איז ער צוגעגאנגען צו די שאנק, האט ארויסגענומען די מזוזה וואס רבינו הקדוש האט איהם געשיקט און האט איהר ארויפגעהאקט ביי די טהיר.

אין זעלבען מאמענט האט אבגעלאזען ביי די קראנקע דאס צופעניש און זי האט געעפענט די אויגען.

"אה", האט ארטבון אויסגעשריגען "גרויסער ג־ט, דיינע וואונדער איז נישט צו בעשרייבען, דו מאכטס פון טויט לעבענדיג; איך בין נישט אים שטאנד דיר צו דאנקען פאר די גרויסע מתנה וואס דו האסט יעצט מיר געשאקנען. אה, ווי אנגענעהם און ליבליך זענען דיינע מצוות, זיי זענען א סם חיים (הייל זאלב), ווען קיין דאקטאר איז נישט אים שטאנד צו היילען, היילען דיינע זיסע געבאט. איך נעם אויף זיך פון היינט אן צו היטען דיינע מצוות, איבערהויפט די ליבליכע מצוה פון מזוזה; און נישט איך אליין וועל איהר היטען. איך וועל נאך זיך משתדל זיין דאס אנדערע זאלען איהר אויך היטען ווי געהעריג איז איין מאל אין יאהר וועל איך מיר בעשטימען א צייט צו געהן איבערקוקען ביי אלע יודען די מזוזות אויב זיי זענען כשר, און ביי וועמען עס וועט זיין א פסול אדער גארניש, וועל איך מנדב זיין פון מיין טאש מזוזות".

און אזוי איז געוועזען, ווי חז"ל ערצעהלען (יומא דף יא) מעשה בארטבון שהיה בודק מזוזות כו'. און ער האט מקיים געוועזען זיין נדר און געוועזען אזוי פארקאכט אין דער מצוה, דאס אפילו אין א צייט וואס עס איז געוועזען א גזירה דאס מען זאל נישט היטען דעם יודישען דת, האט ארטבון זיך מוסר נפש געוועזען און בודק געוועזען מזוזות און ווען מען האט איהם געחאפט דערביי האט ער בעצאהלט טויזענד גילדען שטראף און ווייטער געטהון זיינס. נאך דער געשיכטע, ווען רבינו הקדוש האט זיך דערוואוסט אז ארטבון פארשטעהט דעם טייער ווערט פון די מזוזה, האט שוין רבינו הקדוש נישט אפגעשיקט דעם בריליאנט צו ארטבון.

ליעבע ליינערס, מיין מיינונג איז ווייל רבינו הקדוש האט גוט געוואוסט דעם נידריגען געפיהל פון היינטיגע גבירים, אז אלע נארישקייט, אלע שמאכטעס, שניצונגען, פאטרעטען, שטומע בילדער וועלען זיי אנהענגען אין זייערע* צימערן, נאר נישט קיין כשרה מזוזה. דעריבער האט רבינו הקדוש געשיקט צו ארטבון א מזוזה, בכדי איהם אנצומערקען, אז דאס שטעהט העכער פון זיינע ציערונג און בריליאנטען און ער דארף זיך מיט איהר נישט שעהמען; אים געגענטייל: ווען ער וואלט האבען פערשטאנד, ברויך ער מיט איהר שטאלצירען, דען דער ג־ט ליכער הערב שיינט אויף זיין הויז, אזוי ווי אונקלוס הגר האט ערקלעהרט.

יעצט מיינע ליעבע פריינד, וועלען מיר נאך א ביסעלע רעדען און מיר וועלען אייך ברענגען א וואונדערליכע געשיכטע וואס דער מדרש דערצעהלט וועגען אונקלוס:.

בשעה ער האט בעשלאסען צו פאהרען פון רוים קיין ארץ ישראל כדי זיך מגייר זיין, האט ער מורא געהאט פאר זיין פעטער, אנדרינוס קיסר**, איז ער געקומען צום קייזערליכען פעטער זיך געזעגענען, מיט דעם אויסרייד אז ער וויל פאהרען אויף דער וועלט האנדלען. זאגט אנדרינוס צו איהם: "מיין קינד, עס איז פאר דיר פריי מיין קייזערליכע קאסע, נעהם פון איהר וויפיל דו ווילסט".

*) דער ספר סיני בקודש ברענגט א אינטערעסאנט משל: אין אמעריקא האט די ממשלה ארויסגעגעבען א געזעץ אז יעדע דירה מוז אויפהענגען אויף די וואנט אן אלארם וואס קאסט נישט מער ווי $10 אפצוהיטען די איינוואוינער פון פייער רח"ל וויפיל וואלטען מיר זיך געדארפט באווארענען און אויפהענגען אויף די טיר אן אלארם וואס איז א שמירה פאר דבר, חרב, רעב, מגפה תקלה קטטה אין גזירות רעות רח"ל איז דאך אוודאי אז יעדער בר דעת וואלט געדארפט קויפען די בעסטע. מהודר'דיגע מזוזה וכו'. עיי"ש.

**) יודען זענען דאן געווען אונטער מלכות רום.

וועלכע סחורה זאל איך מיט בעיקר האנדלען״? פרעגט אונקלוס ביי אנדרינוס.

״די הויפט זאלסטו האנדלען אזא סחורה וואס יעצט גראד איז איהר קורס געפאלען און שטעהט גאנץ נידריג, די סחורה זאלסטו האנדלען, דען עס וועט קומען א צייט דאס איהר קורס וועט זיך הויבען, וועסטו דאן פיעל פארדינען.

״זעהר גוט, מיין קייזערליכער פעטער״, האט אונקלוס געזאגט, אין איז אוועק קיין ארץ ישראל, וואו ער האט זיך געלאזט מל זיין און געלערנט פיעל תורה ביי די תנאים ר׳ אליעזר ור׳ יהושע.

ווי אנדרינוס האט דאס דערהערט, האט ער געלאזט רופען אונקלוס׳ן צו זיך און האט איהם געפרעגט: ״ווי פאלסטו אויס דאס צו טהון״?.

״איך האב געטהון אזוי ווי איהר, קייזערליכער פעטער, האט מיר געהייסען״ — האט אונקלוס געזאגט —, ״איהר האט מיך געהייסען האנדלען אזא סחורה וואס איהר קורס איז געפאלען״, האב איך באטראכט ווי די יודען מיט זייער תורה שטעהען יעצט זעהר נידריג;* האב איך געהאנדעלט די סחורה; ווייל עס וועט קומען א צייט ווען די סחורה וועט שטייגען, אזוי ווי דער נביא (ישעיה מט) זאגט: כה אמר ה׳ גואל ישראל קדושו לבזה נפש למתעב גוי לעבד מושלים (אזוי האט גאט געזאגט אויף דעם יוד, וועלכער איז יעצט ביי יעדערן אזוי פאראכטעט און ערנידריגט עס וועט קומען א צייט וואס אלע פעלקער וועלען דערקענען זיין גערעכטיגקייט און די ליכטיגקייט פון זיין תורה, מלכים יראו וקמו שרים וישתחוו (קעניגער און פירשטען וועלען איהם אבגעגעבן עהרע), למען ה׳ אשר נאמן קדוש ישראל ויבחרך (ווייל

*) דאס איז געוועזן א קורצע צייט נאך חורבן בית שני.

זיי וועלען דערקענען דאס ג־ט האט איהם אויסדערוועהלט פאר זיך איז דאס א צייכען אז דאס איז א טייערע זאך, וועלען זיי דאס אויך עהרען)".

יעצט מיינע ליעבע פריינד, ווען מיר וועלען אריין נעמען אין קאפּ די היסטאריעס פון אונקלוס הגר און פון ארטבין, וועלכער האט דערזעהן דעם ריינעם אמת בעת זיין וועלט־סצענע האט זיך געהאט אראבגעלאזען, וועלען מיר האלטען פעסט די מצוה פון מזוזה, וועלכע שיינט ארויס בולט מיט דעם שם "שדי" וואס איז אויף איהר און וואס שרייט צו אונז "האלט! גענוג!.

יא, מען דארף מאכען ביזנעס און פיהרען א וועלט, אבער נישט שטארק איינשלאפען אין איהר שויס; פארגעסט נישט דאס איהר שטעהט אין פארהויז פון קעניגליכען שאץ־קאמער (העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא התקן עצמך וכו׳) וועלכער איז אפען נאר אויף א באשטימטע צייט, אבער איהר ווייסט נישט אויף ווי לאנג די צייט איז באשטימט (כי גם לא ידע האדם את עתו). דעריבער זאלט איהר היטען שטענדיג וואס איך זאג אייך אן (והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך), צו יעדע זאך וואס איהר טהוט זאל איהר צולעגען א ריינעם געפיהל, וועט איהר דערפון ציהען א ריינעם אלקאהאל פון גוטע מדות און א מוסר השכל, דאן וועט איהר מיט אייערע קינדער מאריך ימים זיין אין גליק און פארגעניגען (למען ירבו ימיכם וימי בניכם וגו׳), און איהר וועט לעבען א ריינעם הימלישען לעבען (כימי השמים) אויך אויף דער וועלט (על הארץ). און נאכהער וועט איהר זוכה זיין צום אמת׳ן לעבען אויףביידע וועלטען.

מיינע פריינד, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה: א גרויסער גביר האט געהאט א בת יחידה, האט ער געטהון מיט איהר א לייטישען שידוך און איהר מיט מזל חתונה געמאכט. דער פאטער, דער גביר, האט פערזייט אויף עטליכע יאהר אין די וועלט אריין. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער רייזע און איז

געקומען צו די טאכטער, האט ער דערזעהן אז זיין בת יחידה געפינט זיך אין זעהר א קריטישע לאגע: די וואהנונג איז פינסטער און נאס, די מלבושים אבגעריסן, נאקעט און ארעם. דער פאטער האט געהאט דערפון שטארקע עגמת נפש און פרעגט ביי די טאכטער: "זאג מיר, ליעבע טאכטער, וואס פעהלט דיר"?.

"ליעבער פאטער", — ענטפערט די טאכטער "מיר איז גאנץ גוט, איך האב זעהר א טייערן מאן, ער פאלגט מיך אלץ וואס איך הייס איהם, אז איך זאג טאג — איז טאג, נאכט — איז נאכט, ער איז זעהר גוט צו מיר, ער בעליידיגט מיך חלילה קיין מאל נישט; ליידער איז אבער ביי אונז קיין פרנסה נישטא, דריבער זעה איך אזוי שלעכט אויס".

ווי דער רייכער פאטער האט דאס דערהערט, האט ער געזאגט: "ליבע טאכטער, אויב נאר אין דעם איז געווענדט דיין שיקזאל אז דיר זאל גוט זיין, דאן גיב איך דיין מאן געלד וויפיל ער וויל נאר אליין".

דער גביר האט טאקע ארויסגענומען א טשעק און געגעבן דעם איידעם און אליין איז ער ווידער אוועקגעפאהרען אויף עטליכע יאהר. קומענדיג צוריק און אריינקומענדיג צו דער טאכטער, האט ער געזעהן ווי זי וואהנט אין זעהר טייערע רומס, און א אייגענע הויז, געהט געקליידעט אין טייערע קליידער און אנגעטהון אין ברילאנטען מיט דימאנטען, האט זיך דער גביר זעהר געפרעהט און זאגט צו די טאכטער: "ליעב קינד, אבער יעצט האסטו נישט אויף וואס זיך צו באקלאגען, לעבסט שעהן, רייך, וואס פעהלט דיר"?.

דאמאלס איז די טאכטער ארויס מיט א קלאגעדיגע שטימע "ליעבער פאטער, עס איז מיר יעצט ערגער ווי פריהער, ווען איך בין געגאנגען אבגעריסען און געוואהנט אין א פינסטערע דירה; דאמאלס איז מיין מאן געווען צו מיר גוט, ער האט מיך ליעב געהאט און געפאלגט אלץ וואס איך האב איהם געזאגט, אבער

היינט שלאגט ער מיך, רייסט פון מיר שטיקער און אז איך זאג טאג זאגט ער נאכט.. און אויב דיך וועט וואונדערן: פאר וואס געה איך אזוי שעהן געקליידט און אנגעטוהן מיט אזוי פיעל ציהרונג? דאס טהוט מיין מאן נישט מיר צוליב, דאס טהוט ער וייל ער שעהמט זיך פאר זיינע חברים; אבער צוליב מיר וואלט ער מיך געלאזט וואהנען אין א קעלער אדער אויף א בוידעם, איהם וואלט נישט געקימערט אז איך זאל געהן אבגעריסען און אבגעשליסען״...

ווי דער פאטער דער גביר האט דאס געהערט איז ער זעהר נבהל ונשתומם געווארען: ״אזוי טאכטער, ווען דיין מאן איז געוועזן ארעם איז ער יא גוט געוועזן, נו, וועל איך אבמאהנען מיין געלד און איהם מאכען צוריק ארעם, וועט ער דיך ווייטער גוט באהאנדלען״.

מיינע פריינד, האט איהר געהערט די מעשה? ווייסט איהר ווער עס איז דער גביר? דאס איז דער רבונו של עולם (לי הכסף ולי הזהב), די טאכטער דאס איז אונזער הייליגע תורה און דער מאן דאס איז די כנסת ישראל; אז דער אויבערשטער איז אראפגעקומען (כביכול) צו זיין טאכטער אין איירופא און איהר געפונען אין א ארעמען שטאנד, ער האט אבער דערקענט אז די אורזאכע איז די קריטישע לאגע פון איהר מאן (ד.ה.ה אונזערע יודעלעך), האט דער רבונו של עולם אנגעשריבען א טשעק, ד.ה. ער האט אנגעוויזען: יודעלעך, פאהרט קיין אמעריקא, דארט וועל איך אייך געבען פרנסה. ווען מיר זענען אהער געקומען אין גאלדענעם לאנד און ג־ט באגליקט יעדען איינציגען, — אזא ארעמקייט ווי אין איירופא איז דא ב״ה נישטא, — רייסט מען שטיקער פון תורה, מען וויל פיל שטיקער פון איהר אויסמעקען; מען פאלגט איהר נישט; אז די תורה זאגט טריפה זאגט איהר כשר! די תורה זאגט חֵלֶב זאגט איר דאס איז נאר א מנהג, אז די תורה זאגט חָלָב עכו״ם זאגט איר עס איז אן אלט פארצייטישער

מנהג פון מעבר לים... איהר האט א תירוץ: מען דארף מאכען א לעבען.. און צוליעב דעם פארשוועכט איהר אלע הייליגקייטען: איהר ווילט נישט וויסען נישט פון כשר עסען, נישט פון תפילין און מזוזות נישט פון צו זיין שטיל בשעת חזרת הש״ץ, קדיש וקרה״ת.א.ז.וו.

יעצט מיינע טייערע ברידערלעך, בעט איך אייך, מיינע ליעבע ליינער דאס איהר זאלט אויף פאסען אויף אלעס וואס איך האב אייך דערצעהלט און איהר זאלט זיך אויף חאפען פון דעם זיסען שלאף וואס איהר פארשלאפט פון אויפצוקלויבען די טייערע דימאנטען און בריליאנטען, ד.ה. תורה און מצוות ומעשים טובים. אבער נישט יעדערער האט א זכות דאס ער זאל קענען זיך צוריק חאפען. דאס מעהרסטע היינט מאדישע אויף געקומענע גבירים, שלאפען איין זעהר זיס אין שויס פון דומהייט. יא זיי חאפען זיך אויף אבער שוין צו שפעט!

מען דערצעהלט זעהר א שעהנע געשיכטע וואס עס איז פאסענד צו דעם געדאנק.

איינער א וויכטיגער מאן האט נושא חן געווען ביי א גרויסען קעניג. דער קעניג האט ביי זיך באשלאסען גליקליך צו מאכען דעם מאן; ער האט אבער געוואלט זעהן צי דער מאן איז שטאנדהאפט, האט ער איהם אונטערגעווארפען א קליינעם נסיון: ער האט פאר איהם געעפענט דעם אוצר המלך, איהם ערלויבט שפאצירען אין אוצר זיבען שעה און נעהמען פאר זיך פון דארטן די טייערסטע אנטיקען וואס דארטן געפינט זיך. אין פאדערהויז אבער פון אוצר האט ער געלאזט אנידערשטעלען א טייערן שפיל-קאסטען, וועלכער האט געשפילט זעהר גרויסארטיג אזוי אז יעדער ווער עס האט איהם געהערט שפילען איז געווארען ווי באצויבערט. דער קעניג האט בעפויהעלן דעם היטער פון אוצר, אז גלייך ווי דער גאסט וועט אריין טרעטען אין פארהויז זאל ער אנציהען די ספרענזשינע פון שפילקאסטען בכדי ער זאל אנהויבען

שפילען. דער היטער האט ערפילט דעם קעניג׳ס באפעהל, און גלייך ווי דער גאסט איז אריין אין פארהויז האט דער שפיל-קאסטען אנגעהויבען צו שפילען. דעם גאסט איז זעהר געפעלען דער זיסער קאנצערט פון שפיל קאסטען, האט ער זיך שטארק פארטיעפט אין דעם זיסען שפיעל אזוי דאס עס איז אוועק א שטונדע נאך א שטונדע און דער גאסט האט נישט באמערקט ביז עס איז אריבער די זיבען שטונדען וועלכע דער קעניג האט ערלויבט צו באטראכטען דעם אוצר און נעהמען פון איהם וואס עס געפעלט. א מינוט איידער עס האט זיך געענדיגט די זיבעטע שטונדע, האט דער שפיעל קאסטען אויף געהערט צו שפיעלען, דאן האט דער גאסט זיך אויסגעצוכעט פון זיין זיסען שלאף און געוואלט אריינגעהן אין אוצר המלך עפעס נעהמען פון די טייערע זאכען, דערווייל איז די מינוט אויך אוועק, די טיהר פון אוצר האט זיך פאר איהם פארמאכט און א שטימע האט צו איהם אויסגעשריגען: ״וואו ביסט דו געוועזן ביז איצט? פאר וואס האסט דו פארגעסען וואס מען האט דיר פריהער געזאגט דאס דער אוצר המלך עפענט מען פאר דיר נאר אויף זיבען שעה, די גאנצע זיבען שעה האסט דו געהאט צייט צו באטראכטען אלץ און נעהמען וואס דיין הארץ וואלט געגלוסט, און אז דו האסט זיך פארטראכט אויף דעם קאנצערט פון שפיל-קאסטען וואס איז נאר געשטעלט געווארען דיך צו פראבירען אויב דו וועסט האבען אויפ׳ן געדאנק און וועסט פארשטעהן צו וועלכען ציעל מען האט דיך דא אריין געלאזען, און אויב דו האסט דיך פארטראכט און דעריבער האסט דו אלץ פארזוימט, ווער איז דיר שולדיג? דורך דיין לייכטזיניגקייט האסטו אלץ פערזעהן, און פארזעהן מיינט פארשפיעלט״...

מען קען זיך פארשטעלען ווי ווייט דער מענטש האט באדויערט זיין אריטהום און זיין טעות אז ער האט בידים מאבד געוועזן אזא עהרע און גליק, דאס ער וואלט זיין גאנץ

לעבען געקאנט זיין גליקליך און וואלט נאך איבערלאזען פאר קינדער און קינדס-קינדער.

דאס זעלבע איז די געשיכטע מיט דעם מענטשען'ס קומען אויף דער וועלט: אויף זיבעציג יאהר (דאס איז גלייך ווי יענע זיבען שעה) ווערט דער מענטש אראפגעשיקט אויף די וועלט וואו ער קען שעפען הויכע ג-טליכע געדאנקען און פארשאפען זיך תורה מצוות און מעשים טובים (דאס זענען די אמת'ע אנטיקען אין אוצר המלך). צום סוף פארטראכט זיך דער מענטש אין די תאוות העולם הזה (דאס איז די שעהנע מוזיק וואס דער שפיל-קאסטען שפילט) און פארשלעפערט זיין נפש אין א הארטען שלאף ביז זיין לעצטען טאג, וואס דאן הערט אויף דער שפיל-קאסטען צו געגעבן זיין קאנצערט, דער מענטש ליגט אויפ'ן טוידטען-בעט, די תאוות ווערען ביי איהם בטל און ער זעהט זיך ארום אין וואס ער האט פארבראכט די צייט פון זיין לעבען, זיין גאנצע ארבייט וואס ער האט פארהארעוועט אויף די וועלט בלייבט פאר א צווייטען, מאנכעס מאל נאך פאר זיינס א שונה, און פאר זיך אליין האט ער גארנישט אנגעגרייט מיטצונעהמען...

אוי, ווי וואלט ער דאן וועלען חאפען צוריק, — אבער עס איז שוין פארפאלען. דער אוצר המלך ווערט צוגעמאכט און עס העלפט נישט קיין געבעט און קיין געוויין, ער מעג אוועקגעבען זיין גאנץ קאפיטאל קען ער נישט קויפען קיין פינף מינוט לעבען...

מען קען זיך גארנישט פארשטעלען די קרענקונג וואס דער מענטש האט בשעת מעשה, פון צער אליין קען מען אומקומען.

דעריבער לכו ונשובה אל ה' וגו' יקימנו ונחיה לפניו.

השי"ת זאל העלפען מיר זאלען קענען טאהן זיין רצון באמת מיט א ריין הארץ, עס זאל נישט ארויסקומען דורך אונזער האנט קיין שום מכשול ותקלה ח"ו, מיר זאלען האבן די זכיה עס זאל נתקדש ווערען דעם אויבערשטענס נאמען אויף דער וועלט און זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה הקרובה בב"א.